# דער פֿאָלקלאָריסט

.אין אַזאַ טאָג האָט זיך דער פאָלקלאָריסט רובינשטיין
אַוועקגעלאָזן צום פישמאַרק קלייבן מאַטעריאַל...

# דער פֿאָלקלאָריסט

אויפֿן ווילנער פֿישמאַרק איז געווען פֿול. אינעם שמאָלן דורכגאַנג צווישן רייען באַלייעס האָבן זיך אַרומגעדרייט יידענעס פֿון דער גאַנצער געגנט. די ווייבער פֿון פֿאָפּלאַוועס און זאַרעטשע האָבן זיך דערוווּסט, אַז מען האָט אָנגעפֿירט פֿון די בראַסלאַווער אָזערעס ביליקע שטינקעס, האָבן זיי זיך אַ לאָז געטאָן כאַפּן סחורה. ביי די פֿישערקעס האָבן געברענט די פֿינגער. ס׳איז געווען אַ הייסער פֿאַרקויף. דאָ האָט מען ניט געדאַרפֿט ביי יעדן פֿישל אונטערהייבן די פֿלעטווע, כדי איינצורײדן אַז ס׳איז דאָרט רויט — אַ סימן פֿון פֿרישקייט. מען האָט אָנגעוואָרפֿן דעם קונה אַ קאָשיק דרויב און אים געהייסן זיך רוקן ווייטער.

אין אַזאַ טאָג האָט זיך דער פֿאָלקלאָריסט רובינשטיין אַוועקגעלאָזן צום פֿישמאַרק קלייבן מאַטעריאַל. ער איז געקומען פֿון אַ שטעטל, אַזש הינטער ביאַליסטאָק, זאַמלען פֿאָלקלאָר אין ירושלים דליטא. אין יידישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט האָט מען אים געזאָגט, אַז אויב ער וויל געפֿינען עכטן פֿאָלקס־לשון — זאָל ער זיך אַרומדרייען אויפֿן ווילנער פֿישמאַרק. כאָטש רובינשטיין האָט געהונקען אויף אַ פֿוס, איז ער קאַפּאַבל געווען פֿאַר אַ גלייכוואַרטל זיך אַוועקשלעפּן אין עק שטאָט. איז ער אויך דאָס מאָל אויפֿגעשטאַנען גאַנץ פֿרי און געקומען אויפֿן פֿישמאַרק. פּ׳איז געווען פֿאַר אים אַ שווערער מהלך. ציען דעם הינקעדיקן פֿוס פֿון סאַוויטשער גאַס, ווו ער האָט געהאַט זיין קעמערל, ביזן מאַרק, איז אים ניט געווען אַזוי לייכט; אָבער וואָס טוט מען ניט צוליב פֿאָלקלאָר?..

רובינשטיין האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ, אַז מען מוז וואָס גיכער אָפּראַטעווען אַלע ווילנער זאָגעכצן, ווייל זאָל עס, חלילה, פֿאַרלוירן גיין, וועט עס זיין אַ גרויסער פֿאַרלוסט פֿאַר דער קולטור. צוליב זיין ליבע צו פֿאָלקלאָר איז ער אַפֿילו געבליבן אַן אַלטער בחור. וויפֿל מען האָט אים ניט גערעדט שידוכים, און גוטע שידוכים, האָט ער אָפּגעזאָגט. אין אינסטיטוט האָט מען אים געוואָלט פֿאַרשדכענען מיט דער אַספּי־ראַנטקע זעלדע, אַ פֿאַרזעסענע מאַד, אַ ספּעציאַליסטקע אין יידישע

מאכלים, אַזש ביזן צוועלפטן יאָרהונדערט. רובינשטיין האָט אָבער געזען אין זיין רייכן דמיון, ווי זעלדע די אַספּיראַנטקע שפּרייזט ווי אַ בוטשאַן אויף אירע לאַנגע, דאַרע פיס צום אינסטיטוט און ער, אַ הינקעדיקער הינטער איר. דאָס בילד איז אים לגמרי ניט געפעלן געוואָרן. ווילנע וואָלט זיי באַוואָרפן מיט חוזק.

איצט איז ער געשטאַנען אויפן פּישמאַרק און געלויערט אויף פּאַלקלאָר. צוגיין נענטער צו די באַלייעס האָט ער ניט געהאַט דעם מוט, טאָמער וועט מען אים מבייש־זיין. אויך דערפאַר וואָס אַרום די באַלייעס איז גליטשיק און ער קען זיך דאָרט פיין אויסציִען. איז ער געשטאַנען ביים עק פון די טישן און ס'איז אים אויסגעגאַנגען דאָס חיות. רוזשקע די פּישערקע האָט זיך געהאַט פונאַנדערגעלאָזט אויף אַלע ציינער. רובינ־שטיין האָט פון דער וויטנס געהערט איין וואָרט פון צען, אָבער בלויז פון דאָס געהערטע איז אים געראָנען די סלינע. רוזשקע האָט געלערנט בלק מיט אַ יידענע און איז שוין באַלד גרייט געווען זי אויסצופּאַטשן מיט אַ קאַרפּן־עק.

ביי די באַלייעס איז געוואָרן שיטערער. די פּישערקעס האָבן אָנגע־הויבן אויסטאָן זייערע פאַרלוסקעטע פאַרטעכער. נאָך אַ ביסל, און דער מאַרק וועט ווערן פּוסט. די ערשטע האָט אים באַמערקט חנה־מערקע די פּישערקע. איר באַלייע איז געשטאַנען אין סאַמע עק. זי האָט געזען אַ יונגנמאַן זיך אַרומדרייען אויף איין אָרט, אַן אַ קאָשיק אין האַנט, איז איר די זאַך געוואָרן קשה; אַז קיין פיש איז ער ניט געקומען קויפן איז דאָך קלאָר ווי דער טאָג. ניט אַנדערש ער איז אַן אונטערגעשטעלטער פון מאַגיסטראַט, ווייל וואָס מיינט דאָס דרייען זיך אויף איין אָרט מיט אַ בלייער אין האַנט, אויב ניט נאָכקוקן די וואָג? חנה־מערקע האָט מער פון אַלע פּישערקעס געהאַט אַ שוואַכקייט אָפּצוּוועגן ווייניקער וויפל עס האָט געקומט. יום־כיפּור, צו יזכור, בעתן אויסגיסן איר ביטער האַרץ אויף קולי־קולות, פלעגט איר יואל שמש שטענדיק אויסריידן: חנה־מערקע, וויין ווינציקער און גיב בעסער אַ ריכטיקע וואָג...

חנה־מערקע איז אָבער ניט געווען קיין פאַרשלאָפענע. זי האָט זיך אַ חנדל געטאָן צו רובינשטיינען מיט דער גאָלדענער קאַראַנקע אויפן פאָדערשטן צאָן:

— הערעלע, איכל איך געבן אַ שיינעם קילאָ שלייען, לעבעדיקע, אירט זיי קוים דערטראָגן אַ היים...

רובינשטיין איז געוואָרן צעמישט און ניט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. ער האָט תּמעוואַטע אָנגעקוקט חנה־מערקען, ווי זי איז געשטאַנען פאַר־שלייערט אין אַ וואָלן טיכל מיט אויסגעצופּטע פרענדז. די בעקלעך ביי איר האָבן געפלאַמט פון דער גוטער לייזונג און די אויגן, פריילעכע אַזעלכע, האָבן אים געמאַכט אומרויִק.

רובינשטיין האָט נאָך אַלץ געשוויגן.

— הערעלע, וואָס איז מכוח אַ פּאָר וואָנצאַקעס אַ צוגאָב — האָט חנה־מערקע ניט נאָכגעלאָזט — אייער ווייב וועט ניט וויסן וואָס צו טאָן מיט אייך...

ענדלעך האָט זיך דער פאָלקלאָריסט אויסגעטשוכעט און אַ שטאַמל געטאָן:

— איך... איך זוך ניט קיין פיש...

— דאָס האָב איך, און דאָס גיב איך. וואָס זוכט איר?

ביי רובינשטיינען האָט זיך אַרויסגעריסן:

— עפּעס גוטע קללות...

— האָ?!

— איר פאַרשטייט... איך קלייב קללות, ווערטלעך... כ'האָב פריער געהערט ווי איר האָט גערעדט...

חנה־מערקען איז אַראָפּגעפאַלן אַ שטיין פון האַרצן:

— הייסט עס, איר זייט ניט פון מאַגיסטראַט? אַבי איך האָב געמיינט... נו, אויב אַזוי קענט איר שוין טאַקע גיין ראַקאָם אין דר'ערד אַריין...

און חנה־מערקע, אַ צופרידענע וואָס זי איז אַרויס טרוקן פון דער גאַנצער מעשה, האָט זיך צעשריען איבערן גאַנצן מאַרק, אָנווייזנדיק אויף רובינשטיינען:

— ווייבער! דער ייִד קלייבט קללות, ווער וויל דערלאַנגען סחורה?

און שוין איז געוואָרן אַרום פאָלקלאָריסט אַ רעדל. אַלע פישערקעס האָבן געוואָלט אָנקוקן פון דער נאָענט דעם בייזוווּנדער. רובינשטיין האָט זיי געפּרוּווט דערקלערן דעם ענין פאָלקלאָר, אָבער מען האָט אים ניט געלאָזט קומען צום וואָרט. די פישערקעס, דער עיקרשט רוזשקע, און

צירל די פּאַגעגעלע, האָבן מיט געשפּאַט און טומל פּאַרטרונקען זיינע רייד.

נאָך אַזאַ אָפּשניט, איז רובינשטיין גיך, גיך אַוועקגעגאַנגען פון מאַרק. חנה־מערקען האָט פּאַרקלעמט דאָס האַרץ. פריער האָט זי גאָרניט געהאַט באַמערקט, אַז ער ציט אַ פוס. ס'האָט איר פּאַרדראָסן, וואָס זי איז שולדיק אין דעם צוזאַמענלויף. — אפשר איז דאָס ביי אים אַזאַ פּרנסה — האָט זי זיך פּאַרגעוואָרפן...

*

רובינשטיין האָט פּאַרבויגן זיין האָנאָר און איז ווידער אַוועק פּרווון מזל ביי די פישערקעס. און ניט אַזוי ביי אַלע פישערקעס, ווי ביי איינער — ביי חנה־מערקען. דוכט זיך, אויף איר האָט ער געדאַרפט צום מערסטן ברוגז זיין, אָבער וויפל ער האָט ניט געוואָלט אָנרייצן אויף איר זיין געמיט, איז דאָס אים ניט געראָטן. אירע רויטע בעקלעך און די גלאַנציקע אויגן, וואָס האָבן זיך גאָלדיק געמיניעט, זענען אים אַריין אין די געבליטן. שוין עטלעכע נעכט, אויף זיין שמאָלן געלעגער, דער־מאָנט ער זיך, אַז ער איז ניט נאָר אַ פּאָלקלאָריסט, נאָר אויך אַ שטיקל מאַנצביל. יאָרן איז רובינשטיין געווען אַריינגעטאָן אין זאַמלען פּאָלקס־חכמה. ער האָט זיך ממש געוויקט אין גלייכווערטלעך, קללות, חרמות, משלים. פון אין דער פרי ביז שפּעט ביי נאַכט איז ער געווען פּאַרקאָפּעט אין זיינע זאַמלונגען. ער איז געווען זיכער אין זיין באַוואָרנטקייט קעגן אַלע נסיונות. איז געקומען אַ חנה־מערקע און מיט איין שמייכל אים אַראָפּגעפירט פון זיין דרך.

דער פּאָלקלאָריסט האָט זיך באַמיט מיט אַלע כוחות צו באַגראָבן זיינע געפילן און קומען אויפן מאַרק מיט טרוקענע, וויסנשאַפטלעכע צילן. עס איז אים אָבער ניט געראָטן. חנה־מערקע האָט זיך געדרייט ביי אים אין קאָפּ און אים געשטערט צו טראַכטן וועגן עפּעס אַנדערש.

— אָ, דער הערעלע פון די קללות איז דאָ! לאָמיר צעהאַקן די קאַליטקע און פּרעגלען פּלייענע דרייבעס. אַזאַ גאַסט! — האָט חנה־מערקע אים איבערגענומען מיט אַ ברוך־הבא.

רובינשטיינען איז וואַרעם געוואָרן אין אַלע גלידער. ער האָט

דערשמעקט פֿאַלקלאָר. בנעימותדיק האָט ער צעשפּיליעט דעם רעגן־מאַנטל, אַרויסגענומען זיין נאָטיצבוך און גיך גענומען פֿאַרצייכענען.

— זאָגט נאָך עפּעס — האָט רובינשטיין געבעטן חנה־מערקען — זאָגט, און איך וועל פֿאַרשרייבן אייערע רייד.

— שרייבט אַז איר ווילט. עס פֿעלן דען אין ווילנע משוגעים? איך וויל נאָר וויסן צי איז דאָס ביי אייך אַזאַ פּרנסה, אָדער איר טוט עס סתם, פֿון שווילטאָג?

רובינשטיין האָט זיך ניט געפּוילט און גענומען דערקלערן חנה־מערקען די הויכע צילן פֿון פֿאַלקלאָר. ער האָט גערעדט און חנה־מערקע האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. ניט אַלץ האָט זי פֿאַרשטאַנען אָבער עפּעס פֿון דעם ענין האָט זי יאָ באַנומען. נאָך פּישערקעס האָבן זיך צוגערוקט צו חנה־מערקעס באַלייע צולייגן אַן אויער. צירל די פּאַגעגעלע האָט ווידער געוואָלט אָנהייבן מיט אירע שטיק, אָבער דאָס מאָל האָט חנה־מערקע ניט דערלאָזט און זיך צעשריען אויף די ווייבער:

— איר ווילט געבן דעם יידן סחורה — איז גוט, אַניט גייט און...

זי האָט געוואָלט עפּעס אַריינזאָגן, נאָר זיך פֿאַרכאַפּט. חנה־מערקע האָט זיך פֿאַרשעמט פֿאַר רובינשטיינען.

דער פֿאָלקלאָריסט האָט יענעם טאָג קיין סך אוצרות ניט אויפֿגע־קליבן, אָבער צופֿרידן איז ער געווען ביז גאָר. חנה־מערקע האָט אים געזאָגט, אַז שבת אין דער פֿרי זאָל ער קומען אויף טראָקער גאַס אין כעדל, וועט מען אַ ביסל אַ שמועס טאָן.

*

זעלדע די אַספּיראַנטקע איז געזעסן אין אַ זייטיקן צימער פֿון אינסטיטוט און געשריבן וועגן אַ יידישן מאכל — שלייסקעס. דערביי האָט זי געקייט אַן אָקריטשיק ברויט, דיך באַצויגן מיט צוואָרעך. אי דאָס קייען, אי דאָס שרייבן איז איר אָנגעקומען שווער. אַ באַקצאָן איז ביי איר אומגעגאַנגען. מיטן מאכל שלייסקעס האָט זי זיך אויך ניט געקענט קיין עצה געבן. אין איין ביכל האָט זי געפֿונען אַ רמז, אַז דאָס מיינט טייגלעך פֿאַרקנאָטן אין האָניק מיטן מאָן. אין אַ צווייטן קונטרס ווערט געזאָגט, אַז דאָס דאַרף זיין אַ מין קיכעלע באַשאָטן מיט מאַנדלען. פֿון די ספֿיקות, וועלכע ווערסיע אָנצונעמען, האָט איר נאָך מער געצויגן

אין האַרצן. זי וואָלט זיך איצט דערקוויקט מיט אַ פּאַטראָווע, מעג זיין אַ היינטצייטיקע. לעצטנס איז ביי זעלדען געגאַנגען מיטן פוטער אַראָפּ. זי האָט געהאַט געקויפט אַ נייעם מאַנטל ביי נאָזן אין טאַנדעט. ניט צוליב זיך, צוליב רובינשטיינען. אפשר וועט אים איינפאַלן זי צו נעמען צום קאָנצערט פון גערשטיינס כאָר. אָבער ווו? רובינשטיין האָט אין איר זייט ניט געקוקט. מען זיצט אין איין צימער, אַ טיש ביי אַ טיש, און ער — גאָרניט. גוט־מאָרגן, גוט־יאָר. גייט פון איין צימער צום אַנדערן מיט גאַנצע רשימות פאָלקלאָר, גרייסט זיך מיט די אוצרות... אַלע פּאַסמאַקעווען זיך. מען קלאַפּט אים אין פּלייצע... דאָקטאָר ווינרייך, דער דירעקטאָר פון אינסטיטוט, האָט אים גראַטולירט... זיך באַקענט מיט עפּעס אַ פישערקע, אַן אָפּגעשטאַנענעם עלעמענט, און שעפּט פון איר זיינע ידיעות... וואָלט ער עס כאָטש געטאָן ווויסנשאַפטלעך, ניט מישן זיין אַרבעט מיט פּערזענלעכע סימפּאַטיעס... אין אינסטיטוט ברענגט מען גרוסן, אַז מען זעט זיי צוזאַמען זיצן אין די שבתים לעבן שלאָסבאַרג.

זעלדע האָט זיך אויפגעהויבן פון איר טישל, געשפּרייזט איבערן צימער און כסדר אַ פּרווו געטאָן דעם באַקצאַן, ווי האָלט עס מיט אים. דערביי האָט זי שטאַרק געזיפצט. אָט איז דער גורל פון לערנען, זוכן, נישטערן אין די ביכער, אַז אַ פּשוטע פּרוי האָט מער הנאה פון לעבן ווי זי, מיט איר גאַנצער קענטעניש...

ביי רובינשטיינען אויפן טיש זענען געלעגן זיינע נאָטיצן. זעלדע האָט אין זיי קרום אַריינגעבליקט, ווי אַ הון אויף האָבער. אויף אַ גרויס בלאַט ווייסן פּאַפּיר איז געווען אָנגעציקלט:

מאַטעריאַלן צו פאָלקלאָר־פאָרשונג, אויפגענומען ביי דער פּרוי חנה־מערקע סאָלאָדוכין, אַ פיש־הענדלערין אויפן ווילנער פישמאַרק:

גלייכווערטלעך: ביסטו שוין אַ הונט, זיי זשע ניט קיין חזיר; אַז אַ שלימזל קוילעט אַ האָן, גייט דער האָן אַוועק; די בעסטע קשיא איז בולבע־קאַשע; די ערלעכסטע מאָס איז ניין מאָס רייד; פון ליבע באַקומט זי...

זעלדען האָט דער צעוויטיקטער צאָן געשטערט צו לייענען ווייטער. האָט זי נאָך אַ וואָרף געטאָן מיט אַן אויג אויף דער רובריק „קללות": מ'זאָל דיך טראָגן און זינגען; אַ ווייכער באַלקאָן דיר אין קאָפּ; מ'זאָל נוצן דיינע קישקעס אויף הענגען וועש.

מער האָט זעלדע ניט אויסגעהאַלטן. זי האָט גוט איסגעשפּיגן און איז אַוועק צו איר טישל זוכן דעם מקור פון דעם מאכל שלייסקעס.

*

חנה־מערקע האָט אָנגעהויבן קומען אויפן מאַרק אין אַ ריינעם פאַרטעך. טאָמער פאַלט אַראָפּ רובינשטיין, זאָל זי ניט בלייבן פאַרשעמט. זי האָט זייער געוואָלט געפעלן ווערן דעם פאַלקלאָריסט. די שבתדיקע באַגעגענישן מיט אים האָבן זי שטאַרק צערודערט. ס׳איז שוין באַלד געווען דער צווייטער יאָר פון איר אלמנהשאַפט. אַרקע דער זאַוואָדניק איז גראָד געווען אַ גוטער מאַן. ניט קיין טרינקער. אָבער וואָס איז דערפון אַז ער איז ניטאָ. גאַנץ בראַסלאָוו קען אים ניט פאַרגעסן. ער איז געווען דאָרט פון די ערשטע פישערס. זיין זאַוואָדעווען, זיין אָפּזועצן אַ נעץ האָט געהאַט אַ שם. ס׳איז ניט געווען קיין נאַכט, ער זאָל ניט האָבן געבראַכט עטלעכע מאָטניעס פיש. וואָס איז געווי געשען ווייס מען ניט ביזן היינטיקן טאָג: צי דאָס וואַסערמיידל, די בלאָנדהאָריקע קריגודאַ, וואָס וווינט אויפן דעק פון אָזערע און דאַרף יעדן כעזאָן אַן אַנדערן, האָט אים אין דער פינצטער פאַרנאַרט אין אירע סאַליעס, צי זיין שותף, איסרקע דער לאַבוק, האָט געהאַט מיט אים אַן איבעררייד און בעתן אַרויסציען די נעץ, ביים טאָניעווען, אים אַ שטופּ געטאָן איבערן באָרט — מען ווייס ניט. דאָס וואַסער האָט אים ניט אויסגעשפּיגן. איסר האָט זיך געהאַט געשוואָרן מיט דער מאַמען, אַז יענע נאַכט איז גאָר אַרקע צום פאַנג ניט געקומען; אָבער גיי גלייב אַ לאַבוק. עטלעכע פּי־שערס, אַרקעס גוטע חברים, האָבן זיך איינגעשטעלט פאַר איר ביים בראַסלאַווער רב. יענער האָט זי שוין געוואָלט מאַכן פאַר אַן עגונה. אַלע פון דער בראַנזשע האָבן זיך געריסן צו איר, און צום מערסטן איסרקע; נאָר ווער האָט איר געקאָנט געפעלן נאָך אַרקען? אפשר אַזאַ מענטש ווי רובינשטיין. דער גאַנצער פישמאַרק האָט שוין געוווּסט, אַז דאָס איז אַן איידלמאַן, שרייבט ביכער. חנה־מערקען האָט זיך פאַרדרייט אין קאָפּ. זי איז אַרומגעגאַנגען ווי פאַרטשאַדעט. אויסער זיין ציען אַ פוס איז דער פאַלקלאָריסט גאָרניט קיין האַדקער מאַנצביל — האָט חנה־מערקע געטראַכט, היינט דער כבוד. די אייגענע פישערקעס רעדן גאָר אַנדערש צו איר.

*

— איר זאָלט וויסן זיין, פאַניע רובינשטיין, אַז יעדע זאַך וואָס צאַפּלט זיך דאַרף אַ מאַלינע. אָט נעמט אַזאַ נאַריש פּישל ווי אַ פּלאַטקע. איז איידער זי הייבט אָן שפּילן, לאָזן אירע רויגן, ראַמט זי אָפּ מיטן עקל אַהער־אַהין, אַהין־אַהער, אַ שטיקל גרונט אין טייך. און שוין. זי האָט זיך איינגעשאַפּט אַ כודאָבע. היינט ווער רעדט נאָך אַ מענטש? איינער אַליין איז אַפּילו ניט גוט אין באָד. ווער׳ט איך רייבן די פּלייצע? אַזאַ קאָפּ־מענטש ווי איר קאָנט דאָך נעמען, איך ווייס, ווי זאָגט מען — אַ גראַפינע מיט רעטעך... אָט, למשל, נעמט איסרקען דעם לאַבוק. אַזאַ... כ׳וויל ניט אויסריידן פון מיין מויל...

אין סעדל אויף טראָקער גאַס איז לייִדיקלעך. חנה־מערקע זיצט אָן אויסגעפּוצטע לעבן רובינשטיינען, און יענער קוקט איר אין מויל אַריין. די באַנק אויף וועלכע זיי זיצן, זינקט אין געלע, אַראָפּגעפאַלענע קאַשטאַנבלעטער. ס׳איז קיל. חנה־מערקע טוליעט זיך אין קאַטקענעם פוטערל, און דער פאָלקלאָריסט האָט אַפּילו ניט קיין שכל זיך צוצורוקן אַ ביסל נעענטער. חנה־מערקע שיינט. צוגעפּודערט, פאַרקעמט מיט אַ גרייזעלע אויפן ווייסן שטערן, שמייכלט זי צו רובינשטיינען און וואַרט. אַן אַנדערער אויף זיין אָרט וואָלט פאַרלייגט אַ האַנט אַרום איר אַקסל, אַפּילו אַ שטיף געטאָן. רובינשטיין האָט אָבער איין דאגה — ווי צו פאַרגעדענקען אירע רייד, ניט צו פאַרגעסן עפּעס אַ ווערטל וואָס קאָן איסגענוצט ווערן פאַר זיין גרויסער זאמלונג. ניט שטענדיק פאַסט אים צו פאַרצייכענען באַלד אויפן אָרט. דעם שטייפן פוס האָט ער אויסגעצויגן פאַר זיך, ווי אַ שלאַבאַן, צווישן איר און אים, ניט אַריבערצוגיין.

— דריי זאכן שאַטן קיין מאָל ניט — אַ שלאָף, אַ באָד און אַ גוט שטיקל פיש... איך זאָג דאָס אַנטקעגן אייך. וואָס איז דאָס זיצן אין סעדל און פרירן, קילן די זשעברעס? איך האָב אין שטוב פון כל־טוב, פאַר קיסרים צו שטעלן. מ׳עט אויפקאָכן טיי. אַ שטיקל מאַרינירטער העכט איז אויך פאַראַן...

רובינשטיין פאַרכאַפּט זי:

— ניין, אַ דאַנק, באמת, איר דאַרפט זיך ניט באַמיען...

— ווער באַמיען, וואָס באַמיען. ס׳איז אַלץ פאַרטיק. אַזאַ גוז אונדזערע

שונאים אויפֿן שטערן, סאַראַ באַבקע עס שטייט ביי מיר שוין פֿון נעכטן. קומט, פאַניע רובינשטיין, איר׳ט צובייסן. שכל דאַרף מען זוכן אין טעלער.

דער פֿאָלקלאָריסט קווענקלט זיך, אָבער חנה־מערקע ווייזט אים אויף מיט איר זאַפטיקן מענה־לשון, אַז ס׳קען גאָר ניט זיין עפּעס בעסערס, ווי גיין צו איר און טועם זיין אַ גוט שטיקל פיש. גיט ער נאָך, צוליבן פֿאָלקלאָר, און שפּאַנט מיט חנה־מערקען צו איר אַהיים. חנה־מערקע גייט לעבן רובינשטיינען פֿון זיין געזונטער זייט. פֿון מאָל צו מאָל כאַפּט זי אים אונטער פֿאַרן אָרעם. רובינשטיינען ווערט וואַרעם אין די אויגן. ער קוקט ניט אויף זיין באַגלייטערין און הערט ניט אירע רייד. אַ האַרבסטיקער אומעט באַגלייט אים אויפֿן וועג צו חנה־מערקען.

*

חנה־מערקע איז געוואָרן איידל. זי האָט זיך אָנגעהויבן היטן מיט אַ וואָרט. די ווייבער אויפֿן מאַרק דערקענען זי ניט. אַפילו אַ וואָג האָט זי אָנגעהויבן געבן אַ בעסערע. אַלץ צוליב רובינשטיינען. רוזשקע די פישערקע האָט זי געלערנט, אַז אויב זי וויל געפֿעלן דעם פֿאָלקלאָריסט, זאָל זי אויפֿהערן לופֿטערן די שפּראַך. יענער איז אַ פיינער מענטש, און זי, חנה־מערקע, רעדט אַ מאָל זאַכן, אין מויל ניט צו נעמען. אַלע פישערקעס האָבן שוין געוווּסט, אַז רובינשטיין איז געוואָרן אַן איינגייער צו חנה־מערקען. אין ווילנע האָט שוין געטראָפֿן אַזעלכעס. אָט האָט דער אַקטיאָר ביזדון גענומען לייבע דעם הינערניקס אַ מיידל — —

חנה־מערקע האָט אָנגעהויבן קומען אויפֿן מאַרק אַ פֿאַרקעמטע, אין אַ פּאָר טופֿל, ניט אין אַרקעס שטיוול. אַלע האָבן געוווּסט, אַז ס׳האַלט ביי אַ שידוך... איין צירל די פֿאַגעגעלע האָט ניט געהאַלטן פֿון דער גאַנצער זאַך. זי האָט געזאָגט, אַז פֿון דעם רובינשטיין וועט נאָך אַ מאָל אַרויסשפּרינגען אַ זשאַבע. קיין פישער איז ער ניט. ביי גיטקען אין קנייפּע זיצט ער ניט, מוז ער האַנדלען מיט ווייבער אויף אַרגענטינע, ניט אַנדערש...

האָט רוזשקע זיך אַרויסגעשטעלט צו גיין אין אינסטיטוט פֿרעגן אויף רובינשטיינען. זי איז געקומען פֿון דאָרט אַ צעשטראָלטע. מען האָט ניט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט איר. בלויז איינע — אַזוי האָט זי

דערציילט — עפּעס אַ גרינע טויז, אַן אַלטע, אויסגעצויגענע מאָד, האָט זיך געקרימט און געלאַמט.

רובינשטיין האָט אָבער אויפגעהערט צו קומען אויפן מאַרק. אויך ביי חנה־מערקען האָט ער זיך געוויזן זעלטענער. ער האָט פאַר דער צייט אָנגעזאַמלט געגוג מאַטעריאַל און אין די אָוונטן געאַרבעט איבער אים. חנה־מערקע האָט ניט פאַרשטאַנען: ווען זי איז געווען פאַרשמאָדערט ביזן האַלדז, האָט דער פאָלקלאָריסט ניט פאַרפעלט אַ טאָג זיך צו מעלדן ביי דער באַלייע, און איצט, אַז זי האָט אָנגעהויבן צווינטשן יעדן קונה עסט געזונטערהייט, און צוואַרפן אַ פישל צום וואָג, איז ער עפּעס קאַלט געוואָרן צו איר.

פון דעסטוועגן טוט זי אַלץ כדי נושא־חן צו זיין ביים פאָלקלאָריסט. די שטוב האַלט זי אַ גאַנצע וואָך שבתדיק. אויפן טיש אַ טישטעך, די בעטן פאַרבעט מיט אַ געבלומטער קאָפּע. זי האָט אַפילו איינגעהאַנדלט אויפן דורכהויף אַ בילד פון אדם מיט חוהן, ווי מען טרייבט זיי, באָרוועסע, פון גן־עדן. אָבער וואָס מער זי האָט זיך געסטאַרעט צו רעדן אינטע־ליגענטנע, אַלץ דערשלאָגענער האָט אויסגעזען רובינשטיין. אַנומלט איז זי אָפּגעזעסן אַ גאַנצן אָוונט אין דער היים. ביי יעדן סקריפּ פון טיר האָט איר אָפּגעריסן אין האַרץ. זי האָט געוואַרט אויף אים, אָבער ער איז ניט געקומען.

*

אויף צומאָרגנס האָט רובינשטיין געטראָפן חנה־מערקען ביים אַריינ־גאַנג פון אינסטיטוט. אַרויפגיין אין דער הייך האָט זי זיך געשעמט, איז זי אַ האַלבן טאָג געשטאַנען און געוואַרט אויף אים.

רובינשטיין איז געבליבן געפּלעפּט. ניט שוין־זשע האָט ער חנה־מערקען אַרויפגעפירט אויף פאַלשע מחשבות?

— פאַניע רובינשטיין — האָט זי אַן אָנגעדראָלענע אָנגעהייבן — איר מיינט, אַז חנה־מערקע איז אַ זאַק מיט קללות און גלייכווערטלעך, וואָס מען בינדט אים אויף, מ׳רוקט אַריין די האַנט און מ׳שלעפּט פון דאָרט אויף שרייבן ביכער? חנה־מערקע האָט אויך אַ האַרץ. — דערביי האָט זי אָנגעוויזן אויף איר פולער, לינקער ברוסט — מ׳פירט זיך ניט אויף אַזוי מיט אַ פרויענצימער, ווען מ׳זעט אַז זי האָט אַ שוואַכקייט צו

איך... באַדיי וואָלט איר גלייך געזאָגט, אַז איר דאַרפט די נאַרישע פישערקע נאָר צוליב די קללות... מילא, זאָל איך זיין צום געזונט...

דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן האָט רובינשטיין אָפּגעפילט אַזוי שטאַרק זיין פאַרשפילטן אַלט-בחורשן לעבן. ער האָט איר געוואָלט זאָגן, אַז עס איז ניט אַזוי ווי זי מיינט, אַז... אָבער אײדער ער האָט נאָך באַוויזן צו עפענען דאָס מויל, איז זי שוין געווען פאַרשוווּנדן הינטערן ראָג וויוווּלסקע.

רובינשטיין האָט פאַרבויגן אַ פּלייצע אונטער זיין ביטערן גורל, געקויפט אַ גרינעם רוקזאַק און אַוועקגעהונקען פון ווילנע קלייבן פאָלקלאָר אין אַן אַנדער שטאָט...